Чс
Рада

אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור
בא דער אוקראיִנישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע ·
פילאָלאגישע סעקציע

# די סאָוועטישע ייִדישע
# אָרטאָגראפיע

אוקרנאצמינדפארלאג

אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור
בא דער אוקראַיִנישער וויסנשאפטלעכער אקאדעמיע
פילאָלאָגישע סעקציע

Радянська єврейська ортографія (євр. мовою

# די סאָוועטישע ייִדישע אָרטאָגראפיע

(קלאָלים פונעם נײַעם ייִדישן אויסלייג)

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציִ־
אָנאלע מינדערהײַטן פון אוס״רר

כארקאָוו 1932 קיִעוו

די ביבליִאָגראפישע פארצייכענונג
פונעמ בוכ אונ די שיפערנ פאר
ביבליִאָטעק-קאטאלאָגנ זיַינענ אָפּ-
געדרוקט אינ „ציַיטשריפט פונ דרוק"
אונ אינ דעמ „קארטנ-רעפּערטואר"
פונ דער אוקראַיִנישער ביכער-
פאלאטע

פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער — מ. לעכט
טעכ. רעדאקטער — כ. ליומקיס
קאָרעקטער — כ. לייבאָוויטש

אלוקר. פּאָליגראפ. פאראייניקונג.
אינטערנאצ. דרוקעריַי, קיִעוו,
רויטער פּלאצ 2-ע. באשט 823.—
טיראזש 3000 $1^1/_8$ דרוק-בויגנ.
הויפּטליט (604) 2126

# פאָרוואָרט

די סאָוועטישע ייִדישע אָרטאָגראַפיע איז א דירעקטער בעזולטאט פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. אזעלכע דערגרייכונגען, ווי דאָס פארייִדישנ דעמ אויסלייג פונ די העברייִשע ווערטער, ווי דאָס באזייַטיקנ די שלאָס־אויסיעס, — זייַנענ מעגלעכ געוואָרנ ערשט נאָכ דער רעוואָליוציע. אונדזער איצטיקע אָרטאָגראַפיע קענ פיל בעסער ווי די פריִערדיקע דינענ פאר א מיטל צו דערהייבנ די גרויסע מאסנ צו שרייבקענעוודיקייט און צו באוווסטזיניקער באטייליקונג אינ דער סאָציִאליסטישער בויונג.

אונדזער אָרטאָגראַפיע שיידט זיכ שטארק אונטער פונ דער אויסלענדישער. ס'איז קיינ וווּנדער ניט: אָרטאָגראַפיע איז דאָכ ניט בלויז טעכניק — זי האָט אונטער זיכ א געוויסע אידעאָלאָגיע. די ייִדישע קולטורבויונג גייט מיט פארשיידענע וועגנ אינ סאָוועטנפארבאנד און אינ אויסלאנד: דאָ איז זי א סאָציִאליסטישע לויטנ אינהאלט און א נאציִאָנאלע לויט דער פאָרמע; דאָרטנ — א ייִדישיסטיש־קלייַנבירגערלעכע, וואָס גייט מיט גיכע טריט צו פאשיזמ. די שריפט דינט — בא אונדז — פאר די אינטערעסנ פונעמ פראָלעטאריאט; דאָרטנ — פאר דער אונטערדריקונג פונעמ פראָלעטאריאט. איז טאקע די אָפיציִעלע שריפט דאָ און דאָרטנ פארשיידנ. דאָרטנ זייַנענ די העברייִשע ווערטער הייליק — סייַ זיי אליינ, סייַ זייער אלטער אויסלייג, וואָס פארשווערקט די שריפט פאר דער ברייטער מאסע [1]), דאָרטנ טאָר מענ די שלאָס־אויסיעס ניט אָנרירנ [2]), שוינ אָפגערעדט, וואָס אינ אויסלאנד האלטנ זיכ נאָכ פעסט

---

1) אָט וואָס מ. ווייַנרייַכ, די זייַל פונ פאשיזירטנ ייִדישיזמ, זאָגט וועגנ דעמ נאטוראליזירטנ אויסלייג פינ די העברייִזמענ (ד. ה. וועגנ אויסלייגנ זיי אלציינס ווי ניט-העברייִשע ווערטער): „פאר א היפשנ טייל פונ דער ייִדישער אינטעליגענצ מיינט דער נאטוראליסטישער אויסלייג, אז מע גייט אויסראָטנ די טראדיציע, אז מע רייַסט אָפ די ייִדישע שפראכ פונ איר ייִדישנ (!) מאָקער. אזא סענטימענט טאָר קיינ שומ אָרטאָגראפישע רעפאָרמ ניט איגנאָרירנ" („דער איינהייַטלעכער ייִדישער אויסלייג", ווילנע 1930).

2) כאָטש „לאָניש לאָזט זיכ קעגנ דעמ גאָרניט זאָגנ" (דער זעלביקער ווייַנרייַכ).

גאָר אַלטע אָרטאָגראַפיעס — פון פאַר 20־יאָרן און פריִער. א שטרעבונג צו באַהעפטן זיך צו אונדזער אָרטאָגראַפיע איז דאָרטן בא די פּראָלע־טאַרישע שיכטן פאַראַן, אָבער דערווייַל קאָנען זיי זי ניט פאַרווירקלעכן.

אין גרונט פון דער איצטיקער סאָוועטישער ייִדישער אָרטאָגראַפיע ליגן די באַשלוסן פון דער אָרטאָגראַפישער קאָנפערענץ באַם 2־טן אַלפאַרבאַנדישן ייִדישן קולטור־צוזאַמענפאָר (אַפּרעל 1928). די קאָנפע־רענץ האָט באַהאַנדלט די וויכטיקסטע פונקטן פון דער אָרטאָגראַפיע (לויט כּכ׳ וועגנערס און זאַרעצקיס פּראָיעקטן) און אָנגענומען א צאָל באַשלוסן. וועגן אייניקע פונקטן איז די קאָנפערענץ צו קיין איינהײַטלעכער מיינונג ניט געקומען. נאָך מער זײַנען געווען אַזעלכע דעטאַלן, וואָס די קאָנפערענץ האָט קלאַל ניט געקאָנט באַהאַנדלען. צו לייזן אָט די אויסגעבליבענע פראַגעס האָט די קאָנפערענץ באַפולמעכטיקט די צענ־טראַלע אָרטאָגראַפישע קאָמיסיע.

די צענטראַלע אָרטאָגראַפישע קאָמיסיע איז אויסגעטיילט געוואָרן אַפן קולטור־צוזאַמענפאָר און איז באַשטאַנען פון די כּכ׳ ליטוואַקאָוו (פּאָרזיצער), וועגנער און פאַרבער פון ווסרר, לעוויטאַן און שטיף פון אוסרר, וועוויאָרקע און זאַרעצקי פון רספרר. כ׳ זאַרעצקי איז באַשטימט געוואָרן פאַרן סעקרעטאַר.

די קאָמיסיע האָט געאַרבעט שוואַך. זי האָט ניט באַהאַנדלט אַלע פונקטן אינעם פּראָיעקט, וואָס ס׳האָט אויפגעשטעלט איר סעקרעטאַר. דעריבער האָט כ׳ זאַרעצקי איבערגעגעבן צום דרוק א בראָשור „ייִדישע אָרטאָגראַפיע”[1], וואָס האָט אנטהאַלטן אין זיך סײַ באַשלוסן, סײַ פאָרשלאַגן, סײַ פראַגעס.

אַף דער ערשטער אַלפאַרבאַנדישער שפּראַך־קאָנפערענץ, צונויפגע־רופן פונעם אינסטיטוט פאַר ייִדישער קולטור (קיִעוו, פעווראַל 1931), איז די צ. אָ. ק. ליקווידירט געוואָרן און וועגן דער אָרטאָגראַפיע איז אָנגענומען געוואָרן א באַשלוס:

די ווײַטערדיקע אָרטאָגראַפישע אַרבעט איבערגעבן דעם אינסטיטוט.

די כּכ׳ האָלמשטאָק, זאַרעצקי, לעוויטאַן, ספּיוואַק, פאַלקאָוויטש, קאַמענשטיין און שטיף באַהאַנדלען די סיסטעם ייִדישע אָרטאָגראַפיע

1) אַרויס אין מאָסקווע, זומער 1931.

אונ דעמ אָרטאָגראַפישנ ווערטערבוכ, וואָס ס'האָט אויפגעשטעלט דער סעקרעטאר פונ צ. אָ. ק. זייער באשלוס איז ענדגילטיק.

אפ אויסצופירנ דעמ דאָזיקנ באשלוס האָט די פילאָלאָגישע סעקציע באמ אינסטיטוט צונויפגערופנ אנ אָרטאָגראַפישע בארעטונג (קיִעוו, 21—24־טנ נאָיאבער 1931).

די פריִער־דערמאָנטע כאווײרימ (כוץ כ' לעוויטאנ, וואָס איז געווענ קראנק) צוזאמענ מיט די קאָאָפּטירטע ככ' ווינער אונ שעכטער (פאָר־שטייער פונעמ אינסטיטוט) בא דער באטייליקונג פונ פאָרשטייער פונ דער לערערשאפט, פרעסע, ארבקאָרנ, סטודענטשאפט, ווּספּ אאוו. האָבנ גרינטלעכ דורכגעארבעט די אויבנ־דערמאָנטע בראָשור „ייִדישע אָרטאָגראַפיע", געלייזט אלע דאָרטנ אָנגעוויזענע פראגעס, דעטאליזירט אונ געענדערט אייניקע פריִערדיקע באשלוסנ. די בארעטונג האָט אָבער געהאלטנ, אז ס'איז ניט אינ איר קאָמפּעטענצ ארײַנצוטראָגנ ראדיקאלע ענדערונגענ אינ די באשלוסנ פונעמ 2־טנ אלפארבאנדישנ קולטור־צוזאמענפאָר (די זעלבע בארעטונג האָט, אגעוו, באהאנדלט דעמ אָרטאָגראַפישנ ווערטערבוכ אונ ער ווערט איצט אָפּגעגעבנ צומ דרוק).

אזויארומ איז אינ דער איצטיקער בראָשור פאראייניקט די ארבעט פונ דער אָרטאָגראַפישער קאָנפערענצ באמ 2־טנ קולטור־צוזאמענפאָר, פונ דער צ. אָ. ק. אונ פונ דער אָרטאָגראַפישער בארעטונג. די אָרטאָ־גראַפיע, וואָס איז דאָ געבראכט, איז די אָפיציעל סאָוועטישע ייִדישע אָרטאָגראַפיע אונ איז א מוז־זאכ פאר אלע ייִדישע פארלאגנ, שולנ, אנשטאלטנ [1]).

די בראָשור „סאָוועטישע ייִדישע אָרטאָגראַפיע" אנולירט מיט זיכ די פריִערדיקע בראָשור „ייִדישע אָרטאָגראַפיע". זי שיידט זיכ אונטער פונ יענער בראָשור אינ אזוינע פּראָטימ:

1. דאָ איז ניטאָ קיינ פאָרשלאגנ, ניט קיינ פערזענלעכע מיינונגענ,

1) די באשלוסנ פונ דער אָרטאָגראַפישער קאָנפערענצ, — צווישנ זיי אויכ דער באש־לוס וועגנ דער צ. אָ. ק. — האָבנ באקומענ באשטעטיקונג פונעמ פאָלקאָמבילד אינ אוסרר ווסרר, רספרר. דערמיט זײַנענ שוינ אויכ באשטעטיקט די צוגאָבנ אונ ענדערונגענ וואָס ס'האָבנ ארײַנגעטראָגנ דערנאָכ די צ. אָ. ק. אונ די אָרטאָגראַפישע בארעטונג. — די בראָשור גיט ניט קיינ ענטפער אפ אלע פראגעס פונ אָרטאָגראַפיע: דער אויסלייג פונ איינצלנע ווערטער ווערט געגעבנ אינ אָרטאָגראַפישנ ווערטערבוכ.

ניט קיינ פראגעס; — דאָ איז דורכויס פעסטע קלאָלים, אזוי ווי דאָס האָט צולעצט פאָרמולירט די אָרטאָגראפישע באראטונג.

2. די דאָזיקע בראָשור איז אנ אָפיציעלער האנטבוכ וועגנ אָרטאָגראפיע, באשטימט פאר די ברייטסטע שיכטנ, אָבער זי שטעלט זיכ ניט קיינ צוועקנ פונ א לערנבוכ. דעריבער זיינענ דאָ אויסגעשלאָסנ יענע יעדיעס, וואָס זיינענ ניט נייטיק פאר דער פראקטישער פאָרמולירונג אונ באנעמונג פונ די קלאָלים אונ וואָס וואָלטנ נאָר פארשווערט צו ניצנ די בראָשור.

3. איבער דעם זעלביקנ מאָטיוו איז דאָ פונ טערמינאָלאָגיע געבראכט נאָר דער מינימום, אונ יענע טערמינעס, וואָס זיינענ דאָ דאָכ נייטיק, זיינענ אלע אויסגעטייטשט. ס'איז צוגעגעבנ א טערמינאָלאָגישער אָנווייזער אפ צו געפינענ ווו דער אָדער יענער טערמינ איז אויסגעטייטשט (דער אויסטייטש איז ניט קיינ פולער; — ער באציט זיכ נאָר צום באנוצ פונעם טערמינ אינ דער דאָזיקער בראָשור).

4. די קאפיטלענ זיינענ דאָ איבערגעשטעלט, ארויסגייענדיק דערפונ, אז די פראקטישקייט אינ באנוצ איז בילכער ווי די טעאָרעטישע סיסטעמאטישקייט.

5. די קלאָלים אליינ זיינענ פאָרמולירט ווי מעגלעכ גרינגער.

6. ס'איז, אשטייגער, אויסגעשלאָסנ דער אָנווייז אפ דער העברעיישער אָפשטאמונג פונ געוויסע ווערטער (ווי א קריטערי פאר זייער אויסלייג): די בראָשור דארפ דאָכ באדינענ מערסטנטייל אזעלכע לייענער, וואָס וויסנ ניט פונ וועלכער שפראכ ס'קומט אינ יידיש דאָס אָדער יענצ וואָרט.

דער קימאט־אקאדעמישער סטיל פונ דער פריערדיקער בראָשור, וואָס האָט ארויסגערופנ אפ דער באראטונג גערעכטע טייַנעס, איז דאָ געענדערט, פארייִנפאכט.

די איצטיקע בראָשור דארפ מענ באטראכטנ פאר א קאָלעקטיווער ארבעט פונ די כאוויירים: כ. האָלמשטאָק, א. זארעצקי, ע. ספיוואק, ע. פאלקאָוויטש אונ נ. שטיפ אפנ גרונט פונ כ' זארעצקיס פראָיעקט. כ' א. זארעצקינ געהער די אלגעמיינע אויספורעמונג, — דער פילאָלאָגישער סעקציע באמ אינסטיטוט פאר יידישער פראָלעטארישער קולטור — די לעצטע רעדאקציע.

# אײניקע דערקלערונגען

.1

אָרטאָגראַפֿיע איז אַ סיסטעם צייכנס באַם שרײַבן און דרוקן. אין פֿאַרשיידענע צײַטן האָט די שפּראַך אַ פֿאַרשיידענע אָרטאָגראַפֿיע.

די ייִדישע שריפֿט האָט אין דער רעוואָליוציע־צײַט דורכגעמאַכט אַ רײ שאַרפֿע ענדערונגען אָפּ צו פֿאַרייִנפֿאַכן דאָס שרײַבן, דאָס דרוקן. אונדזער אָרטאָגראַפֿיע־רעפֿאָרם האָט פֿאַרגרינגערט דעם אַרבעטער, דעם אַרבעטנדיקן צו ווערן שריפֿטקענעוודיק, צו קומען צום בוך. אין אויסלאַנד, וווּ דער באַלעבאָס איז נאָך דערווײַל די ייִדישע בורזשואַזיִע, דערהאַלט מען אין גרונט די אַלטע שריפֿט־סיסטעם, קעדיי שווער מאַכן די מאַסן צו ווערן איוורעדיק, צו הייבן זייער קולטור.

די העברעיִשע ווערטער אין ייִדיש פֿלעג מען שרײַבן ווי אין אַמאָליקן העברעיִש (אמת — עמעס). פֿאַקטיש האָט ייִדיש געהאַט צווייערליי שריפֿט־סיסטעמעס. דאָס איז געווען די גרעסטע שוועריקייט אָפּ אויס־לערנען זיך שרײַבן און לייענען. מיר האָבן דאָ פֿאַרייִנהײַטלעכט, גענומען שרײַבן העברעיִשע ווערטער ווי די ייִדישע ווערטער. דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע אין אונדזער סאָוועטישער רעפֿאָרמע פֿון דער אָרטאָגראַפֿיע.

מיר האָבן אין אונדזער שריפֿט געהאַט נאָך אַן אַנדער רעשטל פֿונעם אַמאָליקן העברעיִש, — די שלאָס־אויסיעס (ך, ם, ן, ף, ץ), וואָס מיר פֿלעגן זיי שרײַבן אומעטום אָפּן סאָף. אָט די טאָפּעלע ניט־נייטיקע שלאָס־אויסיעס האָבן מיר איצט אַרויסגעוואָרפֿן.

אין אויסלענדישן ייִדיש בלײַבט אין דעם פֿראַט אַלץ ווי געווען.

מיר האָבן אײַנגעפֿירט נאָך אַ צאָל קלאָלים פֿון אָרטאָגראַפֿיע. אָט די אַלע קלאָלים קומען אַרײַן אין דער איצטיקער בראָשור. נאָך מער פֿאַרגרינגערן צו אויסלערנען זיך אונדזער אָרטאָגראַפֿיע וועט דער

אָרטאָגראַפֿישער ווערטערבוך, וואָס דרוקט זיך איצט און וואָס וועט וויַזוי אויסצולייגן א גרויסע צאָל **איינצלנע** ווערטער.

די נייַסטע סאָוועטישע אָרטאָגראַפֿיע איז שוין איצט איַנגעפֿירט אין אַלע אונדזערע נייַע סאָוועטישע אויסגאַבעס, אין אונדזער פּרעסע (כוץ איינצלנע אויסנאַמען, — איבער טעכנישע סיבעס).

שרייַבן און דרוקן לויט אַן איינהייטלעכער אָרטאָגראַפֿיע איז ביז גאָר א וויכטיקע און נייטיקע זאַך. אין פֿאַרשיידענע ערטער רעדט מען פֿאַרשיידן. שרייַבן אָבער דאַרף מען איינהייטלעך, — מוז אין דער שריפֿט זיַין א געוויסע צונויפֿגערעדקייט. אַדאַנק דער איינהייטלעכער אָרטאָגראַפֿיע קענען **מיר אַלע** אין פֿאַרשיידענע ערטער בעסער, ריכטיקער פֿאַרשטיין דאָס געשריבענע, דאָס געדרוקטע. איידער מיר האָבן איַנגעפֿירט די נייַסטע אָרטאָגראַפֿיע האָט מען באַ אונדז אין א ריי פֿאַלן געשריבן און געדרוקט ווי ווער ס'האָט געוואָלט. דאָס האָט אָפֿט שווערער געמאַכט צו פֿאַרשטיין דאָס געשריבענע און געדרוקטע וואָרט, צו פֿאַרשטיין, הייסט עס, איינס דאָס אַנדערע.

.2

אין אָרטאָגראַפֿיע זיַינען פֿאַראַן אייניקע גרונט־פּרינציפּן. מיר וועלן זיי דאָ אין קורצן פֿאָרמולירן.

דער **פֿאָנעטישער** פּרינציפּ. דער פֿאָנעטישער פּרינציפּ שטרעבט נעענטער מאַכן די שריפֿט צו רייד. קיין פֿולע געפּאַסטקייט צווישן שריפֿט און רייד איז ניט מעגלעך. אָבער דערנעענטערן די שריפֿט צו רייד איז בִּיקלאַל מעגלעך און נייטיק. אָט האָט מען פֿריִער געשריבן „עסען“, „פֿיעל“, „אונז“, „פֿענסטער“ א. אז. וו. ווי אין דיַיטש; מע האָט געשריבן די העברייִשע ווערטער ניט אַזוי ווי מע רעדט זיי ארויס אין יִידיש, נאָר ווי מע האָט זיי געשריבן אין העברייִש. האָט מען דאָס באַדאַרפֿט פֿאָנעטיזירן, דערנעענטערן די שריפֿט צו רייד. דאָס האָט שטאַרק פֿאַרגרינגערט אַלעמען צו אָנייגענען די אָרטאָגראַפֿיע, צו ווערן איוורעוודיק.

אין יִידישן בורזשואַזן אויסלאַנד האַלט מען ניט שטאַרק פֿון עם פֿאָנעטישן פּרינציפּ. מע האַלט דאָ בִּיקלאַל פֿון אַלטער געוויינשאַפֿט און טראַדיציע, פֿון פֿאַרבינדונג מיט רעליגיִעזער קולטור. די אויסלענדישע בורזשואַזע קולטור־טוער דערלאָזן בעשומויפֿן ניט צו ענדערן

די אָרטאָגראפיע פונ העברעייִשע ווערטער אינ ייִדיש, ניט געקוקט אפנ דראנג פונ די מאסנ צו „נאטוראליזירנ" די העברעייִזמענ, צו שרײַבנ זיי ווי ייִדישע, ס'הייסט צו פאָנעטיזירנ זיי (דערנעענטערנ זיי צו רייד). דאָ שיצט די בורזשואזיִע אירע קלאסנדיקע קולטור־אינטערעסנ אונ קול־טור־פריוויִלעגיעס, — זי פארצאמט דערמיט פאר די מאסנ דעמ וועג צו שריפטקענעוודיקייט, צו קולטור.

אינ אָרטאָגראפיע איז פאראנ נאָכ דער מ אָ ר פ אָ ל אָ ג י ש ע ר פרינציפ. מיר האָבנ, אשטייגער, די גרופע ווערטער „לעב", „לעבנ", „לעבעדיק" אא. לויט דער דאָזיקער גרונט־פאָרמע שרײַבט מענ אויכ אזא וואָרט ווי „לעבט" (מיט א „ב"), כאָטש מע רעדט עס אויס אנדערש (לעפט). די אלציינע אָנשריפט דערנעענטערט דאָ אלע ווערטער פונ דער גאנ־צער גרופע.

פאָנעטיזמ מאכט ענלעכ שריפט צו רייד ווי דאָס איז נאָר מעגלעכ; מאָרפאָלאָגיזמ דערנעענטערט די ווערטער מיט איינ גרונט־באטײַט.

די דאָזיקע וויכטיקסטע פרינציפנ שעפנ ניט אויס די גאנצע סיס־טעמ אָרטאָגראפיע. די פראָטימ ברענגענ מיר ווײַטער אינ דער איצטי־קער בראָשור, אונ דער אויסלייג פונ אסאכ איינצלנע פאלנ קומט ארײַנ אינעמ אָרטאָגראפישנ ווערטערבוכ, וואָס דארפ איניכנ דער־שײַנענ.

---

# I. גראַפיק[1]

## A. אלפאבעט (אלעפבייז)[2]

1. דער סיידער פון ייִדישן אלפאבעט (אלעפבייז):

א, אָ, ב, ג, ד, ה, ו, ֹי, וו, ז, זש, ט, טש, י, יי, ײַ, כ, ל, מ, נ, ס ע, פּ, פ, צ, ק, ר, ש.

2. די נעמען פון די אויסיעס זײַנען:

א(a), אָ(o), בע, גע, דע, הא, או, אוֹי, וועֹ, זע, זשע, טע, טשע, יוד[3], איי, אײַ, כא, על, עמ, ענ, עס, ע, פּע, פֿפ, צע, קא, ער, שא.

די פריִערדיקע נעמען זײַנען געווען:

אלעף, קאָמעץ־אלעף, בייז, גימל, דאלעד, היי, וואָוו, וואָוו־יוד, טאָפּל־וואָוו, זײַען, זײַען־שין, טעס, טעס־שין, יוד, צוויי יודן, צוויי יודן מיט א פּאסעך, כאָף, לאמעד, מעם, נון, סאמעך, אײַען, פּיי, פיי, צאדעק, קוף, רייש, שין.

דער צייכן אונטער אָ הייסט קאָמעץ, אונטער ײַ — פּאסעך, אינעם פּ — פינטל.

3. דער סיידער פון די אויסיעס איז א מוז פאר די ווערטערביכער און אנדערע אלפאבעטיש־צעשטעלטע רעשימעס און ליסטעס. ספּעציִעל הייסט עס:

יעדער אָ איז שפּעטער ווי יעדער א, יעדער ױ איז שפּעטער ווי יעדער ו, יעדער וו איז שפּעטער ווי יעדער ױ, יעדער פּ איז פריִער ווי יעדער פ, צ. ב. „אהינ" קומט פריִער ווי „אָדער", „אוקראיִנע" קומט פריִער ווי „אווסטראליע".

---

1) גראַפיק הייסט די לערע וועגן אלגעמיינער באציִונג צווישן די אויסיעס און די קלאנגען.

2) אלפאבעט (אלעפבייז) הייסט די זאמלונג פון אלע אויסיעס, צעשטעלט אין אן אָנגענומענעם סיידער.

3) דאָס אָס איז שווער אָנצוווּזן לויטן קלאנג, ווײַל עס באטײַט כמע j (רוסישער и), זמ j (רוסישער й).

4. אויסער דעם אלפאבעט (אלעפבייז) שטייען די באצייכענונגען: דז (רזע), דזש (דזשע), וּ (אָר מיט אַ פּינטל), יִ (יוד מיט אַ פּינטל).

5. מע דאַרף שטרענג אונטערשיידן אַ און אָ, יי און ײַ, פּ און פֿ. פאַרבײַטן אַ אַף אָ אָדער פאַרקערט איז פּונקט אַזאַ גרײַז ווי אַנדערע גרײַזן.

מע דאַרף שרײַבן מ אָ ל אָ ט אָ וו, ניט מ אַ ל אַ ט אַ וו אָדער מ אָ ל אָ־ ט אַ וו; פּ ע ר ע ק אָ פּ, ניט פּ ע ר ע ק אַ פּ.

## B· אָנמערקונגען וועגן באַזונדערע אויסיעס

6. אַ באַטײַט בּיקלאַל a; אָבער אַ אין אָנהייב וואָרט פאַר ו, וי, י, יי, ײַ איז אויך דער צווייטער אַ אין ווערטער, וואָס הייבן זיך אָן מיט אַאו, לייענט זיך גאָרניט, צ. ב.:

אײַער אייניקל און איר אויך, אַאודיטאָריע, אַאול.

דער אַ, וואָס לייענט זיך ניט, הייסט „שטומער א״.

7. אינמיטן וואָרט שרײַבט זיך קיינמאָל ניט קיין שטומער א, אַשטייגער:

1) אומופהערלעך, אַלוקראיִניש, אורייניקל, אקערײַזן, באַומרויִקן, באַופטראָגן, בּיזיצטיק, גראָבײַזן, לײַבייגנטום.

2) פּאָליטופקלער, פּאָלקאָמויסערן, פּיניגספּעקטער.

3) בּויונג, ג ־יניש, געפּעו, דערציִונג, לעיִבעד.

אָבער אין צונויפזאַצן נאָך אַ דעפּיס [1]) שרײַבט זיך יאָ אַ שטומע א, אַשטייגער:

4) באַק־אויוון, האַלב־אינדזל, ערד־אײַנאָרדענונג, ציל־אײַנשטעלונג, קלאַסן־אויסגעהאַלטענער.

8. ווען ן שטייט פאַר ן, פאַר י [2]), פאַר וו אָדער נאָך וּו, שטעלט מען באַם ן אַ פּינטל (וּ). בײַשפּילן:

1) טוּונג.

2) בּורזשוּי.

3) אוּווא, א־ ודע, אוּווערטיור, אָנצוּווײַזן, צוּוואַרטן, רוּוּנג, שוּוואַקס.

4) גוּוּרע, ווּ, ווּנד, ווּנטש, צוּוּוקס.

---

[1]) צונויפזאַץ הייסט אַ וואָרט, וואָס איז אופגעשטעלט פון צוויי (אָדער מער) ווערטער. וועגן דעפּיס — זע פּ. 57.

[2]) אָבער ניט פאַר יִ, צ. ב. רויִק (אָן אַ פּינטל באַם ן).

אָן דעם פּינטל וואָלט מען ניט געקענט אונטערשיידן װִי און װי (בורזשוי וואָלט מען געלייענט буржой. וװ און ווּ (גוורע — גוּורע, אוּוודע — אווודע).

אינ אַלפֿאַבעט־סיידער פארנעמט װּ ניט קיינ באזונדער אָרט. ער גייט צוזאמענ מיט װ.

9. וי (oй), יי (эй), ײַ (aй) שרײַבט זיכ, ווענ ביידע קלאַנגענ (דער וואָקאַל[1] און דער יאָט[2]) געהערנ צו איינ טראַפּ[3]), צ. ב. בויער (בוי־ער, רייע (ריי־ע). ווענ אָבער דער וואָקאַל געהער צו איינ טראַפּ און דער יאָט צו א צווייטנ, שרײַבט מענ אזוי:

באַיארנ (באַ־יא־רנ), ניט בויארנ; ר א י ע ל (רא־יעל), ניט רײַעל.

דאָס קומט פאָר, ווענ נאָכנ אָ, ע, א איז פאראנ א וואָקאַל, און דער אקצענט[4]) קומט ניט אפנ אָ, ע, א, בײַשפּילנ: באַיאָרנ, דאָס־טאָיעוסקי, סאקוואָיאַזש, פּראָיעקט, פאָיע, ראָיאַליסט;

בעיאַד, מעיאַשעוו זײַנ זיכ, מעיוכעס;

אדאיאָם, מאיאָוקע, מאיאָנטעק, מאיאָ־יטעס, פאיאַנס, קאיאָר, רא־יאָנ[5]), ראיעל.

10. מע שרײַבט דאיעינו[6]), האיאָר, יעיצערהאָרע, שליאיענ זיכ.

11. אינ אנדערע פאלנ, ווענ נאָכ די קלאַנגענ יי, ײַ איז ניטאָ קיינ וואָקאַל (כוצ 9—10), שרײַבט מענ ניט אָ, ע, א, נאָר וי, יי, ײַ. בײַ־

---

1) די קלאַנגענ א, אָ, ו, י, ע הייסנ וואָקאַלנ, וי, יי, ײַ — דיפטאָנגענ, אנדערע קלאַנגענ — קאָנסאָנאנטנ.

2) יאָט הייסט דער רוסישער קלאַנג й, דײַטשישער j, צ. ב. דער ערשטער קלאַנג אינ „יונג“, „יאָר“.

3) באַם ארויסרעדנ באַשטייט א וואָרט פונ טראַפּנ, צ. ב. ק ו - מ ע נ — צוויי טראַפּנ, קו - מ ע נ - ד י ק — דרײַ טראַפּנ, קום — איינ טראַפּ.

4) אפ איינעם פונ די טראַפּנ אינ א וואָרט קומט אנ אקצענט, ד. ה. ער ווערט ארויסגערעדט שטארקער ווי אנדערע טראַפּנ, צ. ב. אינ רעוואָליוציע איז דער אקצענט אפ ל י ו, אינ רעוואָליוציאָנער — אפ נ ע ר.

5) אָבער אינ קירצונגענ שרײַבט מענ — רײַ (צ. ב. רײַקאָם).

6) דאיעינו באַטײַט „גענוג פונ אונדזערט וועגנ“ (א העברייִש וואָרט).

שפּילן: בוי[1], בויקאָט, הערוי, טרויקע, קאָנוווי; טאָלסטוי, לויד־דזשאָרזש, רייד[2]; גײַ[3].

12. ווען י באַטײַט i (רוסישער и) און שטייט לעבן א וואָקאל אָדער לעבן א יוד, שטעלט מען אונטערן י א פּינטל. בײַשפּילן:

1) פאַר א וואָקאל: אימפּעריאַליזם, פּיאָנער, דערציִונג, געסיִע.

2) נאָך א וואָקאל: כאַיִם, מאַיִס, מעשוגאָיִם, רויִק, אטעיִסט.

3) לעבן א יוד: אנטיִיאָנקיפּער(־קאמפּאניע), בלויִנקער, טאָלסטויִש, העברייִש, פּארטייִש, פּייִק, צווייערלייִקן, נעוויִים.

4) ייִ אין אָנהייב וואָרט: ייִדיש, ייִכעס, ייִנגל, ייִשעוו; אָדער אין א צונויפזאַץ מיט אזוינע ווערטער: שטאָטייִדן, פארייִדישן, לערנייִנגל.

אָן דעם פּינטל וואָלט געקענט זײַן א סאָפעק, צי דער יוד באַטײַט i (רוסישער и) אָדער (רוסישער й) אָ־ער ווייכקייט פונעם קלאנג (זע 13), צ. ב.

נעסיִע וואָלט מען ניט געוווּסט: нэсье, несие

אין אלעפבייז פארנעמט י ניט קיין באזונדער אָרט. ער גייט צוזאַמען מיט י.

13. ווען א קאָנסאָנאנט ווערט ארויסגערעדט ווייך[4] און נאָך אים שטייט א וואָקאל, שרײַבט מען צווישן דעם קאָנסאָנאנט און דעם וואָקאל א יוד. בײַשפּילן: איליוסטראציע, אינזשעניער, אפּעליאציע, טוליען, ליאדע, ליאמע, ניאניע, כמאליען, עליע, פּליאמע, קליאמקע, ראָליע, רעוואָליוציע.

וועגן אזוינע ווערטער ווי לעגענדע אא. — זע 40 און 76.

14. ווען אָבער נאָכן ווייכן קאָנסאָנאנט איז ניטאָ קיין וואָקאל (ד.ה. ווען נאָך אים איז א קאָנסאָנאנט אָדער מיט אים ענדיקט זיך דאָס וואָרט), שרײַבט מען ניט קיין יוד (ד. ה. אין אזא פאל שרײַבט מען דעם ווייכן קאָנסאָנאנט גלײַך ווי א הארטן); בײַשפּילן:

אלט (альт), אָלכע, פּאַלטאָ, קולטור, קעלניע[5], וואנקע, ווילהעלם; ארטיל, מאָל (моль), מעדאל, פּען (пень); אומאן, קאזאן, קרעמל (кремль).

---

1) א ייִנגל (א ענגליש וואָרט).
2) מארש.
3) א פאמיליע.
4) א קאָנסאָנאנט קען אמאָל ארויסגערעדט ווערן אָדער הארט אָדער ווייך, צ. ב. אין מאַנע איז דער נ הארט (אויך אין מײַנע), אין אין מאניע — ווייך. (אין רוסיש, אוקראַיִניש, ווײַסרוסיש זײַנען פאראן אסאך ווייכע קאָנסאָנאנטן. אין ייִדיש — נאָר ל, נ און אייניקע אנדערע).
5) דאָ איז א ווייכער ל און א ווייכער נ, אָבער נאָכן ל שטייט ניט קיין יוד.

15. ווען נאָכן ווייכן קאָנסאָנאַנט שטייט א יוד, שרײַבט מען ניט קיין באַזונדער יוד פאר ווייכקייט, צ. ב.

איליטש, איליטשאָווקע, מאָליער (Мольер).

## C. וועגן אויסגעשלאָסענע אויסיעס

16. די אויסיעס בּ (מיט א פינטל), ײַ (эй) [1] ווערן ניט באַנוצט.

17. אינעם אלטן אלעפבייז פלעגן סאָף וואָרט קומען די שלאָס־אויסיעס (ך, ם, ן, ף, ץ). איצט זײַנען זיי שוין פון דער סאָוועטישער גראַפיק אויסגעשלאָסן; איבער טעכנישע סיבעס באַנוצט מען זיי נאָך דערווײַל אין אייניקע אויסגאַבעס (אין סאָף וואָרט און פאר א דעפיס).

18. די נעמען פון די שלאָס־אויסיעס זײַנען געווען: לאַנגע כאָף, שלאָס־מעם, לאַנגע נון, לאַנגע פיי, לאַנגער צאַדיק.

# II. מאָרפאָלאָגישער אויסלייג

19. אויב א וואָרט באַשטייט פון צוויי טיילן [2]: פון צוויי וואָרצלען אָדער פון א וואָרצל מיט א פּרעפיקס אָדער סופיקס,—און אפן גרענעץ פון די צוויי טיילן טרעפט זיך א שטאַרקער קאָנסאָנאַנט מיט א שוואַכן אָדער א שוואַכער מיט א שטאַרקן [3], שרײַבן זיך בּיידע קאָנסאָנאַנטן, כאָטש אפילע אין רייד ווערט דער שטאַרקער קאָנסאָנאַנט שוואַך אָדער דער שוואַכער שטאַרק.

---

1) ײַ ווערט באַנוצט נאָר אלס צוויי באַזונדערע אויסיעס, צ. ב. געוויִם.

2) דאָס וואָרט שטאָטראט באַשטייט פון: שטאָט און ראט, דאָס וואָרט איבעררײַס פון: איבער און רײַס, דאָס וואָרט אָפּארבעטן פון: אָפּ און ארבעטן און דאָס וואָרט דערשרעקט פון: דער שרעק און ט. דאָס וואָרט זעסט פון: זע און סט. דאָס זײַנען אלץ טיילן פון וואָרט: „שטאָט“, „ראט“, „רײַס“, „ארבעט“, „שרעק“, „זע“ — דאָס איז וואָרצלען; „איבער“ — איז אונטערבאלער צוגאָב; „דער“ איז א פּרעפיקס; „נט“, „סט“ — דאָס איז סופיקסן. דער וואָרצל האָט דעם איקער־באַטײַט פון וואָרט; די איבעריקע טיילן זײַנען צוגאָבן צום וואָרצל: א פּרעפיקס — פאָרן וואָרצל, א סופיקס — נאָכן וואָרצל (וועגן ווערבאַלע צוגאָבן זע 30).

3) 

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| שטאַרקע קאָנסאָנאַנטן: | פּ | פֿ | ט | ס | ש | טש | ק | כ |
| שוואַכע קאָנסאָנאַנטן: | ב | וו | ד | ז | זש | דזש | ג | — |

ביישפּילנ:

(פּ) אָפּגיינ (ניט אָבגיינ);

(פּ) פּראָפּבאַוועגונג, ארופּגיינ;

(ט) האַנטבוכ, אנטבאַלעגופּט;

(ס) אויסגיינ;

(ק) אופמערקזאַמ;

(ב) טרייַבקראַפט, דו לעבסט, ער לעבט, געלעבט;

(זש) דייזשקע;

(ג) ער זאָגט, געזאָגט, דער קליגסטער.

20. אויב אפנ גרענעצ פונ צוויי וואָרט-טיילנ טרעפנ זיכ ס מיט ש, ט מיט צ, צ מיט ס, ד מיט ט, ט מיט ד, ז מיט ס, ס מיט ז אדג., ד. ה. צוויי אויסיעס, וואָס ווערנ צוזאַמענ ארויסגערעדט ווי איינס, שרייַבנ זיכ ביידע אויסיעס.

ביישפּילנ:

(ס מיט ש) עסשיסל, אויסשעפּנ;

(ש מיט ס) אשס ווערק, דער נארישסטער, א קינד א נארישס;

(סט מיט שט) פּעסטשטעלנ;

(ט מיט צ) הויפּטצאָרע, פּאָרטציגאַר [1], מיטציִענ;

(צ מיט ס) דער שטאָלצסטער, א קינד א שטאָלצס, קאַצס ברודער;

(ס מיט ז) אויסזאָגנ;

(ז מיט ס) דער בייזסטער, א קינד א בייזס, דער מויזס נאָרע, קרעזס רייַכקייט;

(ט מיט ד) אנטדעקנ;

(ד מיט ט) שונדטעאַטער;

(פּ מיט ב) אָפּבעטנ;

(ג מיט ק) גרינגקייט.

דעריבער דארפ מענ שרייַבנ:

דו היצסט זיכ, זיצסט, זעצסט, פּלאַצסט, קריצסט, שאַצסט אאַוו.;

דו דרעשסט, וואַשסט, לעקסט, נאַשסט, פּאַטשסט, קוועטשסט אאַוו.;

ער באָדט, בינדט, ווענדט זיכ, זידט, לאָדט אָנ, לייַדט, מייַדט אויס, פאַרשווינדט, צינדט, צעשיידט, רעדט אאַוו.;

---

[1]) פונ פּ אָ ר ט (אזויווי אינ פּאָרטפעל, פּאָרטמאָנע) אונ צ י ג אַ ר.

זיך געווענדט, .גערעדט, זיך דערעדט, אָפּגערעדטקייט אאַוו.

21. [1]) מע שרײַבט אָבער:

די בלאָזט, ברויזט, ווײַזט, לאָזט, מוזט, שפּײַזט אאַוו.

22. אויב אפּן גרענעץ פון צוויי וואָרט־טיילן (אָדער פון צוויי ווער־טער) טרעפן זיך ט מיט ס, ד מיט ס, ט מיט ז (וואָס ריידן זיך געוויינלעך אַרויס צוזאַמען צ), שרײַבט זיך טס, דס, טז. בײַשפּ.:

(ט מיט ס) גרונטסיבע, הויפּטסימען, אינהאַלטסרײַך [2]), דער עלט־סטער, דער באַרימטסטער, דער באַוווּסטסטער, גוטס, אַלטס [3]), מאַראַטס לעבן;

(ד מיט ס) דאָווידס ברודער, א קינד א בלינדס, דער מינדסטער;

(ט מיט ז) האָט זיך גענומען, שרײַבט זיך.

דעריבער דאַרף מען שרײַבן:

די אַרבעטסט, בעטסט, בראָטסט, גלעטסט, בײַטסט, וואַרטסט, טרעטסט, מישפּעטסט, נייטסט אאַוו. (כוץ: דו וואָלסט, דו טראַכסט);

דו באָדסט, בינדסט, ווענדסט זיך, זידסט, לײַדסט, פאַרשווינדסט, צינדסט, רעדסט, שינדסט אאַוו.

23. אויב אין א צונויפזאַץ אָדער אין אן אַברעוויאַציע [4]) טרעפן זיך אפּן גרענעץ פון די צונויפגעזעצטע טיילן צוויי אַלציינע קאָנסאָנאַנטן שרײַבן זיי זיך ביידע. בײַשפּילן:

בירגערדעכט (שרײַבט זיך מיט צוויי ערן, ווײַל ס'באַשטייט פון „בירגער" און „רעכט"), גראָזזייונג, הויפּטטייל, וועלטטייל, יאָרדע־כענונג, יוגנטטאָג, לײַכטטורעם, נאַטורדײַכקייט, פאַרעוואָליוציאָנערער, צווישננאַציאָנאַלער, קויפּפייקייט;

מאָססאָוועט, פּאָליטטוער [5]).

---

1) אן אויסנאַם פון קלאַל 20.

2) דער ס איז דאָ א בינד־סימען. מע קען זיך מערסטנטייל באַגיין אָן דעם ס: אינהאַלטרײַך אאַוו.).

3) קעגנזאַץ צו נײַס; אָבער אַלץ — פון וואָרט אַלע.

4) אַברעוויאַציע הייסט א וואָרט צונויפגעזעצט פון געקירצטע ווערטער, צ. ב. פאָלקאָמיסערן — פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערן־איניאָנים.

5) פון פּאָליט (ווי אין פּאָליטופּקלער אאַ.) און טוער, פון מאָס (מאָסקווער) און סאָוועט.

מע שרײַבט אָבער [1]:

אָרעמאַנ, פּראָפּארײַנ, סאָווירט.

24. אינ אַנדערע פאלנ, כוצ אינ צונויפּזאצנ אונ אינ אבּרעוויִאַציעס, שרײַבּנ זיכ ניט קײנ צוויי אַלצײנע קאָנסאָנאַנטנ נאָכאַנאַנד, אַפילע ווענ זיי טרעפנ זיכ אָפּנ גרענעצ פונ צוויי וואָרט־טײלנ. בײַשפּילנ:

אָנעמענ (כאָטש ס'באַשטײט פונ אָנ־ אונ נעמענ), אײַנײענ, ארײַנאַרנ, דערײדנ זיכ (דער־רײדנ), פארעכענעג

רוּיִקײט (רוּיִק־קײט)

סעזאָניק (סעזאָנ־ניק)

דער הײסטער (הײס־סטער)

זשאָרעס (זשאָרעס־ס) לעבּנ, מארקס ווערק, דעמ בּאַלעבּאָס געשרײענ [2].

איבּערופנ (איבּער־רופנ), איבּעראיִאָנירונג.

25. מע שרײַבּט אויכ: די גלוסט, הוסט, מעסט, קאָסט אַאַוו.

26. א שטאַרקער אונ א שוואַכער קאָנסאָנאַנט (אָדער א שוואַכער אונ א שטאַרקער) שרײַבּנ זיכ בּײדע נאָר אינ אַזעלכע פאלנ:

a) ווענ זיי געהערנ צו בּאַזונדערע טײלנ פונעמ וואָרט (זע 19) אָדער ווענ זיי נעמענ זיכ פונ פארשײדענע ווערטער אינ אבּרעוויִאַציעס; בּײַשפּילנ:

זאגס, ווטוז [3];

b) ווענ אינ אַנ אַנדער פאָרמע פונעמ זעלבּנ וואָרט [4] איז צווישנ די צוויי קאָנסאָנאַנטנ פאראַנ א וואָקאַל; בּײַשפּ.:

זקײנימ (ניט סקײנימ)—לויט „זאָקנ" (אַלטער);

c) אינ אײניקע אינטערנאציִאָנאַלע ווערטער:

אַבּסאָליוט (ניט אַפּסאָליוט), אַבּסורד, אַבּסטראַקט;

אווטאָמאָבּיל (ניט אַפּטאָמאָבּיל), אווטער, אווסטראַליע;

אַבּסטרוקציע, אָבּסערוואַטאָריע;

אַנעקדאָט, מאַקדאָנאַלד, קאַווקאַז;

[1] אַלס אויסנאַמ פונעמ קלאַל 23.

[2] דער אַפּאָסטראָפ ' (מארקס', זשאָרעס' אַדגל.) איז איצט אָפּגעשאַפט.

[3] זאגס—לויטנ רוסישנ Отдел записей актов гражданского состояния, ווטוז—לויטנ רוסישנ Высшее техническое учебное заведение

[4] „אַנ אַנדער פאָרמע" הײסט אַנ אַנדער וואָרט, וואָס שײדט זיכ ניט אונטער פונעמ געגעבּענעמ וואָרט ניט מיטנ וואָרצל, ניט מיטנ איקער־בּאַטײַט.

d) אינ אייניקע אנדערע ווערטער:

אויבס, בודקע, דכאק, וואָקזאל, זכוס, זכיִע, האקדאָמע, הארבסט, לאָדקע, לעסבריירע, מאטבייע, מאסביר זײַנ, מאָרדכע, ניסגאדל ווערנ, סגולע, סדאָמ, ספראווקע, פאָדקעווע, קאָראָבקע, קלאדקע, — אונ אינ די ווערטער מיט ־אָווקע—עווקע (מאסאָווקע, קאסרילעווקע).

מע שרײַבט אָבער (מיט צוויי שטארקע אָדער מיט צוויי שוואכע קאָנסאָנאנטנ): אובעסט, באטכנ, ביסט, בעזדנ, גופקע, דאפקע, דראָשקע, האושגאָכע, האפטאָכע, הויפט, היפש, העגדעש, ווענטקע, יעכעסקל, כעזשבנ, מאושגיִעכ, מאפטיִעכ, סטעזשקע, סכאריע, עגבער, עקדעש, פכאָר, פסורע, פריקאשטשיק, קאפצנ, קאראפקענ זיכ.

# III. ענדונגענ, סופיקסנ, פרעפיקסנ, ווערבאלע צוגאָבנ, אייניקע באזונדערע ווערטער

27. די דאָזיקע ענדונגענ [1]) אונ סופיקסנ שרײַבנ זיכ, ווי דאָ איז אָנגעוויזנ:

־אטער (אָרגאניזאטער, קאָאָפעראטער).

־אטעריש (אָרגאניזאטעריש); אָדער ־אטאָריש — אויב דער אקצענט איז אפנ אָ (אָבליגאטאָריש אָדער אָבליגאטעריש).

־אל אָדער ־על (נאציִאָנאל, קולטורעל); אמאָל איז פאראנ א כילעק צווישנ די צוויי סופיקסנ (מאטעריאל—מאטעריעל), אמאָל ניט (פאָרמאל—פאָרמעל).

־אנצ, ־ינצ, ־ענצ, ניט ־אנציע, ־ינציע, ־ענציע (אינ־סטאנצ, פראָווינצ, קאָנפערענצ). אָבער:

סטאנציע, קוויטאנציע.

־עצ, ־עס (גרענעצ, גענעצ, ערגעצ, עפעס,—ניט גרעניצ, עפיס אא.)

־דיק (רעגנדיק)

־הייט (געזונטערהייט)

־הײַט (פרײַהײַט)

1) ענדונג הייסנ די לעצטע קלאנגענ אינ וואָרט (דאָס קאָנ זײַנ א סופיקס אָדער ניט קיינ סופיקס).

־ונג (פאַרזאַמלונג, בויונג,—פון פאַרזאַמלען, בויען), אָבער: הערינג, וויצלינג, ליבלינג אא.

־וואַרג (אַלטוואַרג)

־ווײַז (טיילווײַז, ייִנגלווײַז, מאַכנעסווײַז)

־טשיק (קלײנטשיקער)

־יִאַדע (לעניניִאַדע)

־יוו, ניט ־ווע (איניציִאַטיוו, פּערספּעקטיוו)

־יזירן (אָרגאַניזירן)

־יזם (קאָמוניזם)

־יטשק (יונגיטשקער, פּשעניטשקעס)

־יסט (קאָמוניסט)

־יסטיש (קאָמוניסטיש)

־ים — ווען ס'איז אַ סופיקס פון מערצאָל [1]) (—באַלעבאַטים, גאַנבאָים,— דאָקטוירים, כאַווײרים; אויך דעמאָלט, ווען קיין אײנצאָל איז ניטאָ: געדערים, טאַכריכים, יאָדאִים, מעשוגאָים); אויך אינעם נאָמען כאִים [2]). אין אַנדערע פאַלן שרײַבט זיך די ענדונג ־עם (וואָרעם, וואָרעם, טור־רעם, פּאָנעם, פּאָדעם, שטורעם אאוו. אויך אין די מערצאָלן וואָרעם, פּעדעם [3]).

־ינק (שײנינקער)

־יע, ניט „יִ“ (סאָניע, פּאַניע)

יִע, ניט יִע (אימפּעריִע, מאַטעריִע, פּאָעזיִע, רעוואָליוציִע); אָבער אין אַנדערע פאָרמעס פון די זעלבע ווערטער קאָן קומען יִ אָנשטאָט י (אימ־פּעריִאַליזם, מאַטעריִאַליזם, נאַציִאָנאַל, רעוואָליוציִאָנער).

־יע, ניט ־יען (דאַניע, נאָרוועגיע)

־יק (באַרגיק, ליכטיק; דרײַסיק, צוואַנציק אאוו.; זונטיק, מאָנטיק אאוו.; בויבעריק, דאַנציק, לייפּציק; האָניק, וועדליק, מיטיק, פרישטיק אא.); אין אַנדערע ווערטער שרײַבט זיך די ענדונג ־עק (אײסעק, כײ־לעק אא.).

---

1) מערצאָל הייסט די פאָרמע פון אַ וואָרט, וועלכע באַטײַט מער ווי אײנס, צ. ב. דאָקטער—אײנער, דאָקטוירים—צוויי, דרײַ אאוו; דאָקטוירים איז אַ מערצאָל.

2) און אין די ווערטער יערושאָלאִים, לעכאִים, מיצראִים.

3) דאָ איז ־עם ניט קיין ספּעציעלער סופיקס פון מערצאָל.

־יק, ניט ־יקע (גראמאטיק, פּאָליטיק, פיזיק אדגל.)

־יש, ווען ס׳איז א סופיקס (טיפּיש, יאמיש, סאָוועטיש, שטאָטיש); ווען ס׳איז ניט קיין סופיקס שרײַבט זיך די ענדונג ־עש (טיפּעש, ניט פון וואָרט טיפּ; כוידעש, ניט פון כויד)

־יי, ניט ־ייע (אידיי)

־ייִק (פּייִק, צווייערלייִק, שנייִק)

־ייִש (אײראָפּייִש, פּארטייִש, רויטארמייִש)

־לעך (גליקלעך; ייִנגלעך; ייִנגעלעך)

־ן, ניט ־ינ (ארבעטערן)

־ניצע (קאָלווירטניצע)

־ניק (קאָלווירטניק)

־ניש (פינצטערניש)

־סטו (בא דער צווייטער פּערזאָן — זעסטו, גייסטו, האָסטו)

־סטער (צוואנציקסטער, דרײַסיקסטער אאוו.)

־ע (מעלוכע, אָבער: אינקאָגניטאָ, ברוטאָ, דינאמאָ אא.)

־וואטע (טאמעוואטע)

־עוודיק (רירעוודיק)

־עווע (מאסעווע, קלאסעווע), אָבער ־אָווע, ווען דער אקצענט איז אפן אָ (וואטאָווע)

־עווען (באַלעבאטעווען)

־עך (מויעך, פּאסעך, קויעך, שײַעך אאוו.)

־עכץ (טועכץ, שאָלעכץ)

־עלע (מענטשעלע)

־ען (אינדרײַען, פירען, פינפען)

־עניו (מאמעניו)

־עניש (לויפעניש)

־ער (טעאטער, מעטער, פילטער, קאדער אאוו.; אווטער, טראקטער אא.[1])

־עשי (זיידעשי)

־קייט (אלטקייט)

---

1) אין מערצאָל בלײַבט אויך ־ער (אווטערס אאוו.), סײַדן דער אקצענט גייט אריבער אפ דער ענדונג (פּראָפעסאָרן) אָדער דער ע פאלט גאָר ארויס (קאדרען).

־ש א פ ט (לערערשאפט)

־ש ט ש י ק (בּאַראבאנשטשיק)

28. די דאָזיקע פרעפיקסן און ווערבאלע צוגאָבן שרײַבן זיכ, ווי דאָ איז אָנגעוויזן:

א ד ו ר כ אָדער ד ו ר כ (אדורכגיין אָדער דורכגיין)

א ה י נ (אהינקומען)

א ו מ (אומגיין, אומריין)

א ו נ ט ע ר (אונטערגיין)

א ו פ (אופעסן)

א ו ר (אוריינקל)

א ו י ס (אויספילן)

א ײַ נ (אײַנשליסן)

א נ ט (אנטלויפן)

א ר אָ פ (אראָפגיין)

א ר ו מ (ארומרינגלען)

א ר ו פ (ארופשלעפן)

א ר ײַ נ (ארײַנוואָרפן)

אָ פ (אָפגעבן)

בּ א (באקומען, באטאָג, באצײַטנס)

ג ע (געגומען, געזאנג, גערעכט)

ד ע (דעמאסקירן)

ד ע ז (דעזאָריענטירן)

ד ע ר (דערשײַנען, ניט ערשײַנען)

נ אָ כ (נאָכגיין)

פ א נ א נ ד ע ר (פאנאנדערנעמען)

פ אָ ר (פאָרשטעלן)

פ י ר (פירהאלטן)

צ ו (זע 30)

צ ו ז א מ ע נ (צוזאמענרופן)

צ ו נ ו י פ (צונויפנעמען)

צ ו ר י ק (צוריקציִען)

צ ע (ז. 30)

ר ע (רעאָרגאניזירנ)

ש ע ב ע (בלאָטע שעבעבלאָטע)

9. די דאָזיקע ווערטער שרײַבנ זיכ, ווי דאָ איז אָנגעוויזנ[1]:

א ו נ (איכ אונ דו; אָבער: גיינ אינ גאס)

א ו נ ט ע ר, א ו נ ט ע ר נ (אונטערנ דאכ, אָבער ה י נ ט ע ר דער וואנט)

א ו י ב

א ו י כ

א י נ, א י נ ע מ (גיינ אינ גאס; אָבער: איכ אונ דו)

א כ ו צ, א כ ו צ נ, אָדער כ ו צ, כ ו צ נ

א נ (אנ עמעס)

א נ ט ק ע ג נ אָדער ק ע ג נ

א נ י ט (לערנ זיכ, אניט וועסטו ניט קענענ)

א פ י ל ע (ער קענ אפילע ניט לייענענ; אָבער: אינ שטאָט ווינענ אפולע מענטשנ)

א ר ו מ

אָ ב ע ר (דו קענסט, אָבער ער קענ ניט; אָבער: זאָל גיינ איינער, דו אָדער ער)

אָ ד ע ר

ב א, ב א מ (בא מיר, באמ כאווער)

ב י י ס

ב ל ו י ז

ב ע נ ע ג י י ע

ב ע ש א ס

ד אָ כ

ד ע נ

ה י נ ט ע ר (הינטער די אויגנ)

וו אָ ר ע מ (טאָטשעט ווי א וואָרעמ; אויכ אינ באטײַט „ווײַל":
וואָרעמ וואָס זאָל מענ טונ, אז ס'איז נאָכ ניט קלאָר)

וו י (דו ווייסט אזוי גוט, ווי איכ)

---

1) דאָ זײַנענ געבראכט אָפטער באנוצטע ווערטער א. ג. הילפּווערטער (וואָס דינענ צו אָרגאניזירנ די רייד).

(ער פאָרט אַהין, וווּ איך בין נאָך ניט געווען)

ווען

ווערליק

זיך (וואַשט זיך, דוכט זיך)

זינט, צײַט (באַטײַטן אײנס און דאָס זעלבע: זינט, צײַט...
איך לעב)

זײַט אָדער זענט (איר זײַט געזונט)

זײַנען אָדער זענען

זײַענדיק

זשע

כאָטש

לויט

לעבן (ניט נעבן)

מיצאד

מיקויעך

מע, מען, מ'

נאָר

ניט, נישט

סײַ

פּלוס

פון

צו (זע 30)

צוליב

צווישן

קיין (איך פאָר קיין מאָסקווע; איך האָב ניט קיין געלט).

30. די הילפוורטער און וואָרט־טײלן צו, צע, צי שיידט מען אונטער אַזוי:

1) צו — אַ באַזונדער וואָרט, דער קעגנזאַץ צו פון; בײַשפּילן:
איך גיי צו אים, איך גיי צום (צו דעם) כאַווער.

2) צו—אַ באַזונדער וואָרט, בײַ פאַנאַנדערטײלן;
בײַשפּילן:
געגעבן יעדערן צו דרײַ רובל, צו האַלבע עפּל.

3) צו — א באַזונדער וואָרט, באַ א אינפיניטיוו[1]; בײַשפּילן:

ער האָט כּײשעק צו גײן אהײם.

אמאָל קומט דער זעלבער צו אינמיטן וואָרט; בײַשפּיל:

ער האָט כּײשעק אוועקצוגײן אהײם.

דאָס קומט פאָר, ווען באַם אינפיניטיוו איז פאַראַן א ווערבאַלער צוגאָב[2].

4) צו — אַלס ווערבאַלער צוגאָב (אמאָל אין אָנהײב וואָרט, אמאָל א באַזונדער וואָרט); בײַשפּילן:

ער וויל צוגײן, ער גײט צו, ער גײט אהין צו; מיר געפעלט זײַן צוזאָג;

ער גײט צו צו אים;

ער האָט כּײשעק צוצוגײן אהײם.

5) צע אין אָנהײב וואָרט — באַ ווערבן אָדער באַ ווערטער, וואָס נעמען זיך פון ווערבן; בײַשפּילן:

מיר צעשטערן די אַלטע וועלט, דער קאַפּיטאַליזם ווערט צעפוילט.

צע האָט ניט קײן אקצענט, אָבער דער ווערבאַלער צוגאָב צו האָט שטענדיק אן אקצענט אף זיך.

6) צו אין אָנהײב וואָרט (אָן אן אקצענט, אָבער ניט באַ קײן ווערב):

צוביסלעך, צוגלײַך, צוזאַמען, צולאָכעס, צומאָרגנס, צומבעסטן, צונויף, צונוץ קומען, צונישט, צוערשט, צופוס, צופוסנס, צופרידן, צוקאָפּנס, צוריק, צורעכט, צושטײַער.

7) צי — א באַזונדער וואָרט, באַטײַט א פראַגע; בײַשפּיל:

צי װײסטו, וואָס מיר טוען?

---

1) אינפיניטיוו הײסט אזא וואָרט (נאָמען פון טוונג) ווי: אַרבעטן, קומען, זיצן. ווערב באַטײַט עמעצנס א טוונג (גײסט, גײט), ווי איך גײ ער גײט; דער נאָמען פון טוונג, דער אינפיניטיוו (גײן).

2) ווערבאַלער צוגאָב הײסט יעדער פון די ווערטער, וואָס קומען צו צו א ווערב: אום, אונטער, אופ, אויס, אראָפּ, ארופ, ארײַן, אָפּ, פאַנאַנדער, צו אא. (אומגײן, איך גײ אום אהײם).

א ווערבאַלער צוגאָב קומט אין אײניקע פאַלן פאַרן ווערב, אין אַנדערע נאָכן ווערב. ער האָט אף זיך אַלעמאָל אן אקצענט (אומגײן).

צ י האָט אויך דעם באַטײַט „אָדער"; בײַשפּיל:
קומט הײַנט צי מאָרגן [1]).

# IV. פאַרשײדענע קלאָלים

31. פאַר נג, נק שרײַבט זיך א, ע (ניט ײַ, יי), צ. ב. באַנק, הענגענ (ניט: בײַנק, הײנגענ).

אָבער װענ דער נ און דער ג אָדער ק געהערנ צו פאַרשײדענע טײלנ פונעם װאָרט שרײַבט מענ ײַ, יי, צ. ב. װײַנגאָרטנ (פונ „װײַנ" און „גאָרטנ"), קלײנגעלט (פונ „קלײנ" אינ „געלט"), שײנקײט, פײַנקײט.

32. נאָכ נג, נק שרײַבט זיך ענ, ניט נ, צ. ב. זינגענ, געזונגענ, זינגענדיק, טרינקענ, געטרונקענ (ניט זינגנ, טרינקנ, געטרונקנ).

אָבער אינ דער בײגונג [2]) פונ אײגננעמענ (לענע אא.) און פונ אדיעקטיװנ [3]) שרײַבט זיך נאָכ נג, נק — נ, צ. ב.

געלײענט מערינגנ, באַגעגנט פינקנ

געזענ א יונגנ כאַװער, א פלינקנ אַרבעטער

(אַזױ שרײַבט זיך אויך: א יונגנמאַנ)

אָבער: בראַװע יונגענ.

33. אינ דער בײגונג פונ אדיעקטיװנ, װאָס ענדיקנ זיך מיט נ, שרײַבט מענ דעם סופיקס ־עמ; בײַשפּילנ:

דינ — א דינעמ, שײנ — א שײנעמ.

טרוקנ — א טרוקענעמ, פאַרװאָרפנ — א פאַרװאָרפענעמ.

34. אינ דער בײגונג פונ א יעקטיװנ, װאָס ענדיקנ זיך מיט מ, שרײַבט מענ דעמ סופיקס ־ענ; בײַשפּ:

אָרעמ — אָרעמענ, געמײנזאַמ—געמײנזאַמענ.

35. אינ דער בײגונג פונ אדיעקטיװנ, װאָס ענדיקנ זיך מיט דיפטאָנגענ (ײַ, יי אא.), שרײַבט מענ דעם סופיקס ־ענ; בײַשפּ.:

---

[1]) צ י האָט נאָכ דעמ באַטײַט „ציִענ": צי די שטריק, טו א צי די שטריק.

[2]) די ענדערונג פונ א װאָרט לויט די פּראַגעס: װעמענ, װעמעס, אװעלכנ, אװעלכעס (צ. ב., „מערינגנ" איז א בײגונג פונ „מערינג").

[3]) אדיעקטיװ — א װאָרט, װי יונגער (כאַװער), גוטער (אַרבעטער), זיגרײַכער (מאַרש), װעלכער באַטײַט א סימענ פונ א זאַכ.

בלוי—בלויען, פריַי—א פרייַען;

אָבער נייַ—א נייַעם, גענוי—א גענויעם[1])

36. מע שרייַבט: גיין, איך וועל גיין, איך פלעג גיין, אָבער מיר גייען, זיי גייען.

אזוי שיידט מען אונטער אויך שטיין (איך קען שטיין)—שטייען (מיר שטייען), זען (מע דארף זען)—זעען (זיי זעען) אא.

37. מע שרייַבט געזען (איך האָב געזען), געשען (עס וועט געשען עס איז געשען), געטאָן אָדער געטון.

אָבער: א געזעענער, א געשעענער.

38. מע דארף שרייַבן בינדן (איך וועל בינדן, איך פלעג בינדן) —געבונדן (איך האָב געבונדן).

גווינען — געוואונען

גלינגען — געלונגען (עס וועט גלינגען — עס איז געלונגען)

געפינען — געפונען

דינגען — געדונגען

דרינגען — געדרונגען

ווינטשן — געוואונטשן

זינגען — געזונגען

זינקען — געזונקען

טרינקען — געטרונקען

פארגינען — פארגונען

פארשווינדן — פארשוואונדן

צווינגען — געצוואונגען

צינדן — געצונדן

קלינגען — געקלונגען

רינען — גערונען

שווימען — געשוואומען

שינדן — געשונדן

שלינגען — געשלונגען

---

1) אין אנדערע פאלן פון אדיעקטיוון כוץ די קלאַלים 33, 34, 35 שרייַבט מען אין דער בייגונג—ן (גוט—א גוטן, איידל—אן איידעלן).

שפּרינגענ — געשפּרונגענ [1]

39. מע שרײַבט:

1) באַרביוס
ביוסט
ביוראָ
ביוראָקראַט
דעביוט
װערטיביול
טיול (тюль)
נאָקטיורנ
ניואַנס
סאַנקיולאָט
עטיוד
פּיורע
קאָסטיום
קופּיור
רעאָמיור

2) בודושעט
בראָשור
זשורי
טורמע
טרויזמ
סוזשעט
סורטוק
סורפּריז
קאָמוניקע
רידיקול
רעזומע

3) בריסעל
װאָלאַפּיק
מאַניקיר
מינכענ
ציריכ

40. אינ אינטערנאַציאָנאַלע װערטער שרײַבט מענ ניט קײנ יוד צװישנ ל אונ ע. בײַשפּילנ:

באַלעט, בילעט, דעלעגאַט, לעגענדע, לעקסיקאָנ, סקעלעט, עלעגאַנט, עלעװאַטער, עלעמענט, עלעקטרע, פּראָלעטאַריאַט, קאַװאַלעריע, קאָלעקציע.

(אָבער: פּאָדליעצ, פּאָליעמיאָט,—ניט קײנ אינטערנאַציאָנאַלע װערטער);

אָבער מע שרײַבט א יוד, װענ נאָכנ װײכנ ל איז א, ו; בײַשפּילנ:

איליוזיע, איליוסטראַציע, אַפּעליאַציע, װענטיליאַטער, יוביליאַר, פּאַליוס, קאַנצעליאַריע, רעװאָליוציע.

41. מע שרײַבט:

1) אונדז, אינדזל, בלאָנדזענ (אָדער בלאָנדזשענ), האַלדז, לינדז, פּענדזל, פראַנדז (אָדער פראָנדז), אָבער: צינז.

---

[1]) אָבער: בילדנ—געבילדעט, גרינדנ—געגרינדעט, גרינענ—געגרינט אאַװ. (נאָר װײסנ — געװוּסט).

2) אלץ, וואַנצן, יענץ, מאַנצבל, פינאַנצן (אָבער : פיגאַנסירן), פינ־
צטער, פענצטער.

3) אָבער : ערנסט, קלענסטער, שענסטער
בענטשן, ווונטש, ווינטשן, מענטש.

42. מע שרײַבט מיט וו (ניט מיט פ) : אגעוו, בריוו, גאַנעיו, יאַנטעוו.

43. מע שרײַבט מיט ה (ניט מיט ג) די אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער :

האַליוצינאַציע, האַנאָראַר, האָריזאָנט, היגיענע, הידראָפּלאַן, היפּאָ־
דראָם, היפּאָטעזע, היפּנאָז, היפּערבל, העגעמאָניע אא.

אויך די אייגננעמען : האַמבורג, האַניבאַל, (סטענלי) האָל, האָלאַנד, דזשימי היגינס, הימאַלײַען, היינריך היינע, העגעל אא.

די אַלע ווערטער שרײַבן זיך מיט h אין יענע שפּראַכן, וווּ די שריפט איז די לאַ־
טייניש; אין רוסיש שרײַבן זיי זיך מיט "г".

44. מע שרײַבט מיט ט (ניט מיט פ) די אינטערנאַציאָנאַלע ווערטער :

אָרטאָגראַפיע, מיטוס, פּאַטאָס, קאַטעדרע אא.

די אַלע ווערטער שרײַבן זיך מיט t אין יענע שפּראַכן, וווּ די שריפט איז די
לאַטייניש; אין רוסיש שרײַבן זיי זיך מיט ф.

אָבער : אַריפמעטיק, אַריפמאָמעטער, דיפיראַמב, מיף, מיפיש.

45. די כאַדאָשים־נעמען שרײַבן זיך אַזוי :

יאַנוואַר, פעוואַרל, מאַרט, אַפּרעל, מײַ, יונ, יול, אַווגוסט, סענטיאַ־
בער, אָקטיאַבער, נאָיאַבער, דעקאַבער.

# V. וואָרט־גרענעץ

46. א הילפוואָרט שרײַבט זיך באַזונדער פונעם ווײַטערדיקן וואָרט, און א פּרעפיקס—צוזאַמען מיטן ווײַטערדיקן וואָרט (אונטערשיידן א הילפ־וואָרט פון א פּרעפיקס קען מען געוויינלעך אַזוי : אויב מע קען נאָכ־דעם אַרײַנשטעלן אַנדערע ווערטער, איז עס א הילפוואָרט און מע דאַרף עס שרײַבן באַזונדער, אויב ניט איז עס א פּרעפיקס און מע דאַרף איס שרײַבן צוזאַמען). בײַשפּילן :

| הילפווערטער | פרעפיקסן |
| --- | --- |
| א פּאָנעם האָט עס (פאראנ: א שיינעם פּאָנעם האָט עס) | אפּאָנעם, אז ער איז שוין דאָ |
| איכ האָב א היים | איכ גיי אהיים |
| בא ארבעט איז גוט, אז מע העלפט איינער דעם צווייטנ | באארבעט דעם מאטעריאל |
| צו פרידנ שטרעבנ אונ צו מילכאָמע זיכ גרייטנ | צופרידנ מיטנ רעזולטאט בינ איכ ניט |
| מע דארפ אופשטעלנ אנ אלפאבעטיש צעטל | א גרויסער טייל באפעלקע־רונג איז געוועננ אנאלפא־בעטיש |

די ווערטער „דער דאָזיקער" (די דאָזיקע, דאָס דאָזיקע, דעמ דאָזיקנ), דער „זעלביקער" (די זעלביקע, דאָס זעלביקע, דעמ זעלביקנ) שרײַבנ זיכ באזונדער [1].

47. די ווערטער: האָסטו, מאכסטו, גייסטו, זעסטו אדגל. שרײַבנ זיכ צוזאמענ (ניט: האָסט דו אאוו.).

48. נ י ט (נ י ש ט) שרײַבט זיכ, ביקלאל, באזונדער; בײַשפּ.:

ער איז ניט געוועננ; ער ווינגט ניט הי; ער קענ ניט—ניט ייִדיש, ניט רוסיש.

אנ ענגערע פארבינדונג פונ „ניט" מיטנ ווײַטעדדיקנ וואָרט ווערט באצייכנט דורכ א דעפּיס, צ.ב. א ניט־דערשאָסענער.

באָר אינ אייניקע פאלנ דארפ מענ שרײַבנ נ י ט (נ י ש ט) צוזאמענ מיטנ ווײַטערדיקנ וואָרט.

ניטגוט (ד.ה. איבלדיק), ניטגוטער (א רועכ), א ניטהיגער (אָבער: ניט קיינ היגער), ניט־געבעטנ, ניטגעבעטענערהייט.

49. א פּרעפּאָזיציע [2] שרײַבט זיכ, ביקלאל, באזונדער פונעמ ווײַטערדיקנ וואָרט: בײַשפּילנ:

[1] דערמיט איז אָפּגעשאפנ דער פריִערדיקער אומבאגרינדעטער קלאל וועגנ שרײַבנ „דערדאָזיקער", „דערזעלביקער" צוזאמענ.

[2] פּרעפּאָזיציעס זײַנענ: אומ, אונטער, איבער, אינ, אינ־ארײַנ, אינמיטנ, אלפּי, אנטקעגנ (קעגנ), אפּ, ארומ, אָנ, אָנשטאָט, בא, ביז, בייס, בעשאס, דורכ, הינטער, וועגנ, זינט (צײַט), ביז, לויט, לעבנ, מיט, מיצאד, מעקויעכ, נאָכ, ערעוו, פאר, פארבײַ, פונ, פונ־אופ, פונ־אָנ, פונ־אראָפּ, פונ־ארויס, פונ־וועגנ, צו, צווישנ, צוליב, קיינ אא.

איבער דעמ, אינ אָנהייב, אינ דער פינצטער, אינ ערגעצ, אינ קאָפּ, אַלפּי סייכל, אפ אנ עמעס, אפ דער פריַי, אפ לאנג, אפ מאָרגנ, אפ שפּעטער, ביז אהער, מיט בייזנ, מיט גוטנ, מיט דעמ, פאר זיכ, פונ אויבנ, פונ אמאָל, פונ דער היימ (ניט: פונ דערהיימ), פונ דער זיַיט, פונ וואָס, פונ לאנג, צוליב וואָס.

50. א פּרעפּאָזיציע שריַיבט זיכ *צוזאמענ* מיטנ וויַיטערדיקנ טייל, אויב דער טייל קענ אָנ קיינ פּרעפּאָזיציע ניט פאָרקומענ; ביַישפּילנ:

אינדערוואָכנ, איניינוועגס, אפּדערעמעסנ (ניטאָ באזונדער „דער עמעסנ"), ביזוואנענ (ניטאָ „וואנענ"), פונדערוויַיטנס, פונוואנענ, צו־פוסנס, צוקאָפּנס.

51. אינ די דאָזיקע ווערטער שריַיבט זיכ די פּרעפּאָזיציע צוזאמענ מיטנ וויַיטערדיקנ טייל[1]:

איבעראיאָר, איבעראכטאָג, איבעראניַיס, איבערגוואלד, אינגאנצנ, אינגיכנ, אינדרויסנ, אינײנעמ, אינמיטנ, אפּגיכ, מיטאמאָל, נאָכדעמ, פארוואָס[2], פארײנס, צוגאסט, צומבעסטנ, צוערשט, צורעכט, אינדערהיימ, צושטיַיער אונ אייניקע אנדערע.

52. מע שריַיבט צוזאמענ: דערמיט, דערפאר, פארדערפאר (ד. ה. פאר דעמ), דערצו, צודערצו אאוו.

53. באמ צונויפגוס פונ א געקירצטנ פּראָנאָמ[3] מיט א ווערב אָדער פונ א פּראָנאָמ מיט א געקירצטנ ווערב שריַיבט מענ אנ אפּאָסטראָפ ('); ביַישפּילנ:

כ'גיי, ס'איז געווענ, ס'גייענ מענטשנ, ס'איז געקומענ, מע האָט'נ געכאפּט, איכ'ל גיינ, דו'סט זענ, ער'ט נעמענ, וואָס ט'איר זאָגנ[4].

54. אינ אייגננעמענ פונ פרעמדע שפּראכנ, וואָס שריַיבנ זיכ אינ יענע שפּראכנ מיט אנ אפּאָסטראָפ, בלייַבט אינ ייִדיש דער אפּאָסטראָפ; ביַישפּיל:

---

[1] ס'איז אנ אויסנאמ פונעמ קלאל 49.

[2] צ. ב. *פארוואָס* ארבעט ער נישט? אָבער: ער ווייסט ניט *פאר וואָס* זיכ צו נעמענ.

[3] פּראָנאָמענ זיַינענ: איכ, דו, ער, זי, עס אאוו.

[4] אָבער באמ צונויפגוס פונ א פּרעפּאָזיציע מיטנ געקירצטנ וואָרט „דעמ" שריַיבט מענ ניט קיינ אפּאָסטראָפ: צומ כאווער (ד. ה. צו דעמ כאווער), אפנ טיש.

ד'אַנונציאַ.

55. בא פארפעלטע קלאנגען אין א וואָרט שרײַבט מען אן אַפּאָס־טראָף [1]. בײַשפּילן:

נאָק'טע קעפּלעך, נאָק'טע פיס; צו ג'זונט.

56. א צונויפגעזעצט וואָרט [2] שרײַבט זיך ביקלאַל צוזאַמען. בײַשפּ.:

1) ערדארבעט, ערדארבעטער, דרעשמאשין.

2) יונגערמאַן [3], יונגעלײַט, גוטעפרײַנט, גלײַכוווערטל.

3) צוקערזיס, שפּאָטביליק, אײַזנפּעסט, שטאָקפינצטער.

4) אויבנוף, אלעמאָל, אלצײַנס, בארגאראָפּ, וויאַזוי, נאָכאַמאָל, נאָרוואָס [4].

5) ברייטביינערדיק, לאַנגיאָריק.

6) געזערד, דניעפּערבוי, קאָלווירט, קאָמפּאַרטײַ.

57. לאַנגע צונויפזאצן שרײַבט מען מיט א דעפּיס (קעדיי גרינגער אויפ־צוכאַפּן מיטן אויג באם לייענען); בײַשפּ.:

בילדונג־קאָמיסאריאט, סאָציאַל־דעמאָקראטיש, צורעס־מאטבייע, קינ־דעריאָרן־זיכרוינעס, רעדאקטיר־קאָלעגיע [5].

ס'קענען קומען צוויי דעפּיסן אין איין (קאָמפּליצירטן) צונויפזאצ. בײַשפּילן:

ברויט־פארגרייט־קאמפּאניע (אָדער: ברויטפארגרייט־קאמפּאניע).

58. נײַע, זעלטענע, ספּעציעל געשאַפענע צונויפזאצן שרײַבט מען מיט א דעפּיס (קעדיי גרינגער דערקענען); בײַשפּ.:

---

1) דאָ האנדלט זיך וועגן פארפעלונג, וואָס ווערט ניט רעגלאמענטירט דורך קיין ספּע־ציעלע קלאָלים (אזעלכע פארפעלונגען פון קלאנגען, ווי אוו ט אָ אָנשטאָט אווטאָמאָביל, פּאַרטקאָם אָנשטאָט פארטיי־קאָמיטעט, זײַנען אהער ניט שײַעך).

2) א וואָרט, וואָס האָט מער ווי איין וואָרצל; דאָס קען זײַן אָדער א צונויפזאצ (צ. ב. שטאָטראט) אָדער א וואָרט מיט מער ווי איין וואָרצל און נאָך א סופיקס (לאַנג־יאָריק) אא.

3) מע דארף אונטערשיידן „יונגער מאן" (צוויי ווערטער) און „יונגערמאן" (איין וואָרט).

4) אָבער: אלצ מער, אָט וואָס, דאָס מאָל, וואָס דען, וואָס מער, ערגעץ ווו, צוויי מאָל אדגל. שרײַבן זיך באזונדער; אויך א זעצ טאָן, אכטונג געבן, צו גרונט גיין, צוניצ קומען אדגל. שרײַבן זיך באזונדער.

5) אָבער: אגמעסנעפּעש, אזעספּאָנעם, בעסמעדרעש, מאגעמאסן אאוו. שרײַבן זיך צוזאמען—דאָס איז אין יידיש ניט קיין צונויפזאצן.

איינמאָל־מוישע, סאָסנע־גאָלד.

59. צונויפזאצן, ווו דער ערשטער טייל איז אן אייגננאָמען, שרײַבט זיך מיט א דעפיס: לעניִן־ווינקל אא.

60. א צונויפזאץ, ווו ס'קומט אריַין אָדער ס'וואָלט געקענט זיַין „און", נאָר ס'איז פארפעלט „און", שרײַבט זיך מיט א דעפיס; בײַשפּילן:

ארום־און־ארום, האלדז־און־נאקן, טינט־און־פען, טאטע־מאמע (ד. ה. דער טאטע און די מאמע), העל־בלוי אא.

61. א צונויפזאץ פון צוויי אַלצייִנע טיילן שרײַבט זיך מיט א דעפיס; בײַשפּ.: אָט־אָט, גאָר־גאָר, וויַיט־וויַיט, ווער־ווער, קוים־קוים [1]); אזוי אויך: ווער־ניט־ווער אדג.

62. א צונויפזאץ, ווו ס'טרעפן זיך אפן גרענעץ פון דער צונויפ־זעצונג ז מיט ש, שרײַבט זיך מיט א דעפיס (קעדיי ניט לייענען דעם ז מיט ש צוזאמען ווי זש); בײַשפּילן:

גראָז־שיכט, האלדז־שנור.

63. א צונויפזאץ, ווו דער צווייטער טייל הייבט זיך אָן מיט א שטו־מען א און וואָס בא צוזאמענשרײַבן וואָלט געווען שווער צו דערקאָנען זייַנע טיילן, שרײַבט זיך מיט א דעפיס (זע 7); בײַשפּילן:

באק־אויוון, האלב־אינדזל, הינטער־אויגיק, ציל־איַינשטעלונג, קלאסן־אינהאלט.

64. אן אבּרעוויִאציע שרײַבט זיך צוזאמען, ניט מיט קיין דעפיס; בײַשפּ.:

מעטאָדארבעט, קולטטוער.

(קולט־טוער וואָלט באטיַיט א טוער באם קולט).

65. א צאָלנאָמען פון עטלעכע ווערטער און א צונויפגעזעצט וואָרט מיט א צאָלנאָמען שרײַבן זיך אזוי:

1) איין און צוואנציק, צוואנציק איינס, דריַי טויזנט צוויי הונדערט פופציק;

2) איין־און־צוואנציקסטער, צוואנציק־ערשטער, דריַי־טויזנט־צוויי־הונדערט־פופציקסטער;

---

1) אָבער ווען דאָס זײַנען צוויי באזונדערע ווערטער, שרײַבן זיי זיך באזונדער, מיט א קאָמע צווישן (וויַיט, וויַיט, אפ יענער זייַט יאם...).

3) איינ־און־צוואנציק־יאָריקער, הונדערט־פּופציק־רובלדיקער.

66. צווישן א ציפער און אויסיעס, ווען זיי בילדן צוזאמען איין וואָרט, שרײַבט מען א דעפיס. בײַשפּ.:

10־טער, 21־יאָריקער.

67. אינ די דאָזיקע פאלן, וואָס שטייען אפּנ גרענעץ צווישן באזונדערע ווערטער און צונויפזאצן, שרײַבט מען א דעפיס:

1) מענאכעם־מענדל, כײַע־סאָרע אדג.

2) געלט־שמעלט, קרוע־בלוע אדג.

3) פּארטיי־ און ראטנ־אנשטאלט אדג.

4) ער וועט ווערנ א ווייס־איכ־וואָס אדג.

68. מע שרײַבט א דעפיס אינ אזעלכע פאלן ווי:

בים־באָם, כא־כא־כא, ציפּ־ציפּ, קיס־קיס, קכע־קכע־קכע.

# VI. קירצונג און אריבערטראָגונג

69. אָנשטאָט א גאנצנ וואָרט קענ מען אמאָל שרײַבנ דאָס ערשטע אָס אָדער די ערשטע אויסיעס מיט א פּינטל; בײַשפּ.:

100 פּראָצ.; אינ ה. י. (הײַנטיקנ יאָר).

70. בא אייניקע ווערטער באנוצט מען אנ אנדער אויפנ פונ קירצונג:

1) כ׳, ככ׳ (מיט אנ אפּאָסטראָף) — כאווער, כאווײרים.

אזוי קענ מענ אונטערשיידנ: כ׳ לעווינ — כאווער לעווינ, כ. לעווינ — כאים לעווינ.

2) כ—טע (מיט א טירע) — כאווערטע אא.

3) דר. — דאָקטער, פּרג. — פּארגלײַכ אא.

71. אייניקע גרופּעס ווערטער ווערנ געקירצט צוזאמענ; דערבײַ שטעלט מענ א פּינטל צום סאָף פונ דער גאנצער ווערטערגרופּע; בײַשפּילנ:

אדג. (און דאָס גלײַכנ), אאוו. (און אזוי ווײַטער) אא. (און אנדערע).

72. נעמענ פונ מאָסנ קירצט מענ אזוי: קילאָגראם — קג, מעטער — מ, קילאָמעטער — קמ (אָנ פּינטלעכ).

73. אברעוויאציעס, וואָס באשטייענ פונ די נעמענ פונ אויסיעס, שרײַבנ זיכ אזוי:

געפעו, צעקא, עס־עס־ער־ער אדג.

אָדער: ג. פ. או.[1] צ. ק. ס. ס. ר. ר. אדג.

אָדער: גפאו, צק, סססר[2]

אברעוויאציעס, וואָס באשטייענ ניט פונ קיינ נעמענ פונ אויסיעס, שרײַבנ זיכ ווי פּאָשעטע ווערטער; בײַשפּ:

וווז, נעפּ, ציק, הא (ד. ה. העקטאר).

74. אריבערטראָגנ א וואָרט פונ איינ שורע אפ דער צווייטער מעג מענ פרײַ, אָבער ניט צערײַסנ די אויסיעס וי, יי, ײַ, זש, טש (ס'הייסט ניט אריבערטראָגנ אזוי: בלו־יער, נאָר: בלוי־ער, ניט פישט־שענ, נאָר פיש־טשענ אא).

דערמיט איז אָפּגעשאפט די טראדיציאָנעלע באגרענעצונג — אז מע מעג אריבערטראָגנ נאָר גאנצע טראפנ.

75. פאר אריבערטראָג־צייכנ דינט א דעפיס (־).

# VII. אויסלייג פונ אייגננעמענ

76. די ווייכקייט פונ א קאָנסאָנאנט פאר ע ווערט אינ א אייגננאָמענ אָפּטמאָל ניט באצייכנט; בײַשפּ.:

וואָראָנעזש, סטעפאנ, פלעכאנאָוו.

77. אינ א אייגננאָמענ שרײַבט זיכ אמאָל א שטארקער קאָנסאָנאנט לעבנ א שוואכנ; בײַשפּ.:

וויטעבסק (ניט: וויטעפסק), דעמיעווקע (ניט: דעמיעפקע[3]).

---

[1]) מיט א שטומענ **א**, ווײַל „אופראוולעניע" וואָלט זיכ געשריבנ מיט א שטומענ **א**, אָבער געפעו (ניט געפעאו) — לויטנ קלאל 7.

[2]) זיי לייענענ זיכ בא אלע דריי שרײַב־אויפאנימ אלציינס: געפעו. צעקא, עסעסערער.

[3]) די קלאָלימ 76 אונ 77 זײַנענ אָפּנייגנ פונ די אלגעמיינע קלאָלימ; נאָכ אנ אָפּבויג פונ די אלגעמיינע קלאָלימ — שרײַבנ אינ אנ אייגנאָמענ צוויי אלציינע קאָנסאָנאנטנ, — איז איצט אָפּגעשאפט. מע דארפ שרײַבנ: אנא (ניט אננא), גרימ (ניט גריממ), האָל (ניט האָלל), לויד־דזשאָרזש (ניט ללויד-דזאָרזש).

78. רוסישע אא. פאַמיליעס מיט דער ענדונג „קי" שרײַבן זיך אפ ייִדיש אויך מיט ־קי; בײַשפּ.:

פּאָקראָווסקי (ניט פּאָקראָווסקע), פּאָקראָווסקיס ווערק, פּאָקראָווסקין.

79. רוסישע פרויען־פאַמיליעס מיט **א**, **יא** שרײַבן זיך אפ ייִדיש אויך אזוי; בײַשפּ.

קרופּסקאיא, סייפולינא.

80. פון פרעמדשפּראכיקע נעמען, וואָס זײַנען געקומען אין ייִדיש דורך רוסיש, שרײַבט מען אייניקע אין דער אָריגינעלער פאָרמע און אייניקע אין דער אינטערנאציאָנאלער פאָרמע: בײַשפּ.

היינריך היינע (ניט גענריך גיינע), העגעל (ניט געגעל).
אָבער פאַריזש.

81. מע מעג שרײַבן אזוינע דובלעטן ווי; איטשע—איציע, באָנטשע—באָנציע, בלומע—בליומע, ציליע—צילע, ראָזנבערג—ראָזענבערג, דאָבין—דאָבינא — דאָבינע, ד. ה. מע מעג שרײַבן אזוי אָדער אנדערש (לויט דעם ווי עס רופט זיך פאַקטיש דער אָדער יענער מענטש).

# טערמינאָלאָגיע

(די ציפערן ווייזן באַ וועלכן קלאַל איז דער טערמין אויסגעטייטשט אָדער אילוסטרירט מיט ביישפּילן)


אַבּרעוויאַציע 23
אַדיעקטיוו 32
אייגננאָמען 32
אַפּאָסטראָף 55
אַקצענט 9
בייגונג 32
דעפּיס 57
האַרטער קאָנסאָנאַנט 13
הילפוואָרט 30
וואָקאַל 9
וואָרצל 19
ווייכער קאָנסאָנאַנט 13
ווערב 30
ווערבאַלער צוגאָב 30
טראַפּ 9
יאָט 9
מערצאָל 27
סופיקס 19
ענדונג 27
פּראָנאָם 53
פּרעפּאָזיציע 49
פּרעפיקס 19
צונויפגעזעצט וואָרט 56
צונויפזאַץ 7
קאָנסאָנאַנט 9
שוואַכער קאָנסאָנאַנט 19
שטאַרקער קאָנסאָנאַנט 19
שטומער א 6.


---


אָפּגעגעבן אין זאַץ—18/VII—32 אונטערגעשריבן צום דרוק — 4/XII—32.
פּאַפּיר 110×72—50 קג אין דרוק-בויגן 65 000 צייכנס.

Чс
Радя

פּרײַז 35 קאָפּ.

Єврейською мовою
**РАДЯНСЬКА ЄВРЕЙСЬКА ОРТОГРАФІЯ**

На еврейском языке
**СОВЕТСКАЯ ЕВРЕЙСКАЯ ОРФОГРАФИЯ**

Державне Видавництво Національних Меншостей УСРР при Президії ВУЦВК'у
„Укрдержнацменвидав“